

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת אמור

# שפירן און פארזוכן

**פרנס השבוע**

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת אמור

# שפירן און פארזוכן

רבי מייזעלס האט נארוואס געענדיגט איבערגעבן די שיעור אויף דער פרשה פון די וואך ווען איציק האט אויפגעהויבן זיין האנט. ער האט א שאלה צו פרעגן.

"רבי, איך פארשטיי נישט דער ענין פון די לחם הפנים," האט ער אנגעהויבן פרעגן, "אלע אנדערע ענינים פונעם משכן האבן געהאט צו טון מיט פארברענען זאכן פאר השי"ת, די קטורת, די קרבנות, אדער די שמן זית פאר די מנורה. אבער די לחם הפנים איז נאר געווען פאר אן אויסשטעל צו זיין דארט א גאנצע וואך און גארנישט טון דערמיט. וואס האט עס אויסגעפעלט צו האבן צוועלף ברויטן אויפן שלחן א גאנצע וואך?"

נאך פאר רבי מייזעלס האט געהאט א געלעגענהייט צו ענטפערן אויף די שאלה האט דער גלאק פון מיטאג געקלינגען.

"איך וויל נישט אז דו זאלסט פארפאסן דעם מיטאג," האט אים דער רבי געזאגט, "אפשר זאלסטו עס איבערטראכטן בשעת'ן עסן און מיר וועלן עס איבערשמועסן נאכן עסן?" האט אים דער רבי פארגעשלאגן.

איציק מיט די חברים האבן זיך געאיילט אראפצוגיין צום עס-זאל.

"יא הממם," האט דוד באשטעטיגט, אריינאטעמדיג דעם גערוך וואס איז ארויסגעקומען פון עס-זאל, "ס'איז פיש מיט פרענטש פרייס!" האט ער אויסגערופן.

די קינדער האבן אלע צוגעשמייכלט פרייליך - דאס איז די בעסטע מיטאג וואס די חדר סערווירט. אהרן, דער פיש-מאן, דעליווערט די פיש גלייך פון וואסער צום ישיבה אז עס זאל האבן די פרישסטע טעם וואס איז שייך און דעם קעכער'ס פרענטש פרייס איז די בעסטע אין שטאט.

די קינדער האבן זיך געשטעלט אין דער רייע צו באקומען זייער פארציע געפרעגלטע פיש מיט פרענטש פרייס. און ביז דערוויל האט איציק געהאט גענוג צייט אריינצוקלערן אין זיין שאלה. ווי מער ער האט אריינגעטראכט דערין אלץ מער האט ער נישט פארשטאנען דעם פשט פון די ברויטן אינדרויסן פונעם קדשי קדשים. ער האט זיך פארגעשטעלט ווי אזוי עס האט לכאורה אויסגעזען ווען דער כהן האט געצינדען די מנורה אדער מקטיר געווען די קטורת מיט די ריח פון די פריש געבאקענע ברויט אין די לופט. ער האט קיינמאל פארדעם נישט אריינגעקלערט דערין און אוודאי האט

ער זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז די הייליגסטע פלאץ פון די בית המקדש זאל שמעקן אזוי.

איציק האט באקומען זיין טעלער פיש מיט טשיפס ווען דער געשמאקער ריח פון די עסן האט אים אנגעהויבן צו קיצלען זיינע פינף חושים. געווענליך עסט ער גלייך אויף האלב פון די טשיפס אזוי ווי זיינע חברים אבער דאסמאל איז ער נאך געווען פארטראכט. ער האט ארייגעקוקט אין טעלער און באטראכט די וואונדערליכע עסן וואס דער אויבערשטער האט אים דא געשיקט.

דער רבי האט דאך געזאגט אז די לחם הפנים איז געמאכט געווארן צו דערמאנען די אידן פון די מתנה פון עסן וואס דער אויבערשטער געבט אונז. רבי מייזעלס האט שוין געברענגט גענוג לימודים פון הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל אז איציק זאל פארשטיין אז מען דארף כסדר קוקן אויף די וואונדערליכע חסדים וואס דער אויבערשטער טוט פאר אונז.



'אפשר איז דאס טאקע דער ענטפער?' האט איציק שפעקולירט, 'אז די לחם הפנים איז געשטאנען אין בית המקדש א גאנצע וואך אונז צו דערמאנען כסדר איבער די אויסערגעווענליכע ניסים וואס דער אויבערשטער טוט כדי מיר זאלן האבן ברויט צו עסן.'

איציק האט באטראכט זיין טעלער ווי ער וואלט קיינמאל קיין פיש מיט פרענטש פרייס נישט געזען פאר די

אויגן. וואס פארא שיינע קאליר דאס איז! געל און ברוינליך ביי די עקן. די פרייס זענען קריספי פון אינדרויסן און ווייך פון אינעווייניג. די פיש איז גלאנציג ברוין, באווירצט פונקט צום טעם. און די הייסע פארע וואס גייט ארויס פון די עסן מאכט פליסיגקייט אין מויל וואס שיקט א מעסעדזש פארן מאגן, 'יעצט קומט עסן, מאך זיך גרייט דאס צו פארדייען.'

איציק," האט דוד אים גערופן, "פארוואס עסטו נישט, איז דאס נישט דיין בעסטע עסן?"

"יא, טאקע," האט איציק געענטפערט נאכן מאכן א ברכה מיט כוונה און אריינגעמען דאס ערשטע ביסן, "פאקטיש האט עס נאך א בעסערע טעם ווי אלעמאל!"

איך מיין אז איך האב שוין געכאפט דער ענטפער פון מיין שאלה וואס איך האב פארגעלייגט פאר רבי מייזעלס," האט איציק מיטגעטיילט זיינע פארוואונדערטע חברים, "השי"ת מאכט אזויפיל וואונדערליכע זאכן אונז צו שפייזן. באטראכט די געשמאקע עסן. קענסטו גלייבן אז דאס קומט ארויס פון וואסער מיט זאמד?! און פארט האט עס א געשמאקער טעם. דאס אלעס כדי מיר זאלן נישט נאר האבן עסן זיך צו שפייזן נאר אויך הנאה האבן בשעת'ן עסן. דאס איז איינע פון די טעמים פארוואס די כהנים האבן כסדר געדארפט שמעקן די לחם הפנים, זיי צו דערמאנען פון די חסד השם. דער רבי האט געזאגט אז רבי אביגדור מיללער זאגט שטענדיג, 'צו באקומען דעת אלוקים איז די וויכטיגסטע עבודה אויף דער וועלט'. קומט אויס אז די כהנים האבן געהאט אויך די עבודה: צו זען, שמעקן און עסן די לחם הפנים.

"אקעי," האט ישראל חיים נישט פארשטאנען, "וואס האט דאס צו טון מיט דיינע פרענטש פרייס?"

עס איז פונקט די זעלבע! האט איציק אויסגערופן, "אנשטאט אריינצושארן דאס עסן אין מיין מויל האב איך עס באטראכט, געשמעקט, אריינגעקלערט דערין און עס געגעסן בשעת איך באוואונדער די חסד וואס דער אויבערשטער האט געטון, צו ברענגען דאס עסן צו אונז דא אהער. און נישט נאר וואס דאס איז געווען א געלעגנהייט פאר עבודת השם, נאר די עסן האט געהאט א געשמאקערע טעם!"



הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך
הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א
קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך 3#